# ליל שבת קודש פרשת ואתחנן ה'תשס"ו

פרייטאג צו נאכט'ס אין ערשטע סעודה האט געשמועסט מוהרא"ש נ"י זייער גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קצו, וואס שמועסט פון די תחנונים פון תפלה, עיין שם.

און מוהרא"ש נ"י האט אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי זי"ע אומר, ס'שטייט אין די משנה (אבות פרק ב') **וכשאתה מתפלל אל תעשה תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים וכו'.** (און ווען דו דאווענסט, מאך נישט דיין תפילה ווי 'קבע', נאר ס'זאל זיין אזוי ווי מ'בעהט רחמים ותחנונים) ווייל א מענטש טאר זיך נישט שטעלן אויף קיין שום זאך, ד. ה. אז מ'טאר נישט זיך עקשנ'ען אין תפילה, אז הקדוש ברוך הוא זאל דווקא ערפילן זיין געבעט, ווייל דאס איז אזוי ווי ער נעמט עפעס מיט כח ווי א גזלן. נאר מ'דארף מתפלל זיין מיט רחמים ותחנונים פאר השם יתברך – אויב וועט השם יתברך געבן איז גוט, און טאמער נישט – נישט.

און דאס איז – 'אל תעשה תפלתך קבע', א לשון פון גזלה, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק (משלי כ"ב): "וקבע את קבעיהם נפש" (אז דער באשעפער וועט גוזל זיין די נפש פון די וואס ג'זלענען פון זיי – זעהט מען אז 'קבע' איז א לשון פון גזילה); היינו וואס ער בעט, סיי פרנסה אדער קינדער און אנדערע באדארפעניש, טאר ער זיך נישט עקש'ענען זיך, און זיך שטעלן ביי א תפילה, אז דווקא מוז הקדוש

**ברוך הוא צו הערן און ממלא זיין די תפילה, ווייל דאס הייסט 'תפלת קבע' – אז ער נעמט די זאך מיט א שטארקייט, מיט א גזילה, נאר ער זאל מתפלל זיין ברחמים ותחנונים כנ"ל, עד כאן לשון רבינו ז"ל.**

און מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען, אז דער עיקר תפילה איז די דביקות זיך מבטל זיין, דורך די תפלה – צו דער אייבישטער, אז א מענטש איז זיך אזוי מדבק צום אייבישטער, ביז ער ווערט אינגאנצן נכלל ונתבטל פאר'ן בורא יתברך, דערפאר ווערט אנגערופן די געבעט'ס צו השי"ת – 'תפילה', אויפן נאמען פונעם דביקות מיט (התחברות) באהאפטנקייט, פון לשון (בראשית ל') נפתולי אלקים נפתלתי, וואס די תרגום זאגט לשון התחברות (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' פד).

ולכן תיכף אז א מענטש ווערט נתבטל פאר השם יתברך דורך זיין תפילה, ער איז גרייט זיך אינגאנצן איבער געבן צו רצון השם יתברך, ס'זאל זיין אזוי ווי דער אייבישטער וויל, דעמאלט וועט ער זיך א וודאי נישט עקשנ'ען אין זיין תפלה אז דער אייבישטער זאל ערפילן זיין ווילן, ווייל ער האט קיין אנדער רצון נישט נאר דעם אייבישטער'ס רצון. און אזוי ווי דער הייליגער תנא זאגט (אבות ב') מאך זיין ווילן אזוי ווי דיין ווילן, כדי ער זאל מאכן דיין ווילן אזוי ווי זיינס. און דערפאר טאמער דער אייבישטער וויל זאל זיין אויף איין אנדער אופן, איז ער מרוצה מיט רצון השם, און דאס איז דער סימן אז ער האט דערגרייכט די דביקות התפילה, ווען זיין גאנצע רצון איז

breslevcity.co.il

נכלל צו ווערן אין רצון העליון, און ער וויל נאר ווי דער אייבישטער וויל, וואס דאס איז דער סוד פון "בעלמא די ברא כרעותיה", אז א מענטש איז באוויליגט און צופרידען מיט רצון השם יתברך (ליקוטי מוהר"ן חלק א׳ סי׳ קעז), אבער ווען א מענטש עקשנ׳ט זיך און וויל דווקא אז דער באשעפער זאל ערפילן זיין בקשה, דאס איז פונקט ווי גזילה – ווייל אפשר וויל דער באשעפער אנדערש, קומט אויס אז דיין רצון איז נישט אזוי ווי דער אייבישטער׳ס רצון, אויב אזוי וועט ער נישט מצליח זיין אין זיין וועג, און דאס איז דער פגם פון "עיון תפילה", וואס אויף דעם זאגן חכמינו הקדושים (ברכות נה.) אז עיון תפילה איז איינער פון דריי זאכן וואס דערמאנען א מענטש׳ס זינד׳ן. וכן אמרו (שם) כל המעיין בתפילתו בא לידי כאב לב (הארץ ווייטוג), שנאמר (משלי יג) תוחלת ממושכה מחלה לב.

וואס דאס הייסט עיון תפילה, ווען ער עקש׳נ׳ט זיך ווייל ער האט אזוי שיין געדאווענט מיט כוונה וועט איהם דער באשעפער דווקא צו הערן צו זיין תפלה (עיין שם ברש"י, ובתוספות מסכת שבת קי"ח: ד"ה עיון תפילה), און די וועג אין תפלה איז גאר קיין שלימות נישט, ווייל דער עיקר תפילה איז צו צוברענגען א מענטש׳ן צו איין ביטול גמור פארן הייליגן בורא, ביז ער זאל צופרידן זיין אינגאנצן פונעם רצון השם אליין, און זאל גאר נישט בלייבן ביי איהם קיין שום רצון.

און דערפאר וואויל איז דער וואס איז זוכה דערגרייכן די דביקות התפילה באמת, ביז אלע זיינע תפילות ווערן געדאווענט מיט רחמים ותחנונים לפניו יתברך, נכלל ווערן אין רצון העליון, ווייל דעמאלט

breslevcity.co.il

וועט ער א וודאי זוכה זיין פועלן אלע זיינע בקשות ביים באשעפער, און ער וועט ווערן נכלל בו יתברך אינגאנצן דורך זיין תפלה, אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש נ"י האט מקשר געווען דאס אויבנדערמאנטע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט א וואנדערליכער קשר, כי הנה כתיב (דברים ג׳) ואתחנן אל ה׳ בעת ההיא לאמר, זאגט רש"י, אין ואתחנן אלא לשון מתנת חנם, אף על פי שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם וכו׳, דבר אחר, זה אחד מעשרה לשונות שנקראת תפילה וכו׳, עיין שם,
דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס דווקא דא האט משה רבינו זיך באנוצט מיט׳ן לשון "ואתחנן", וואס איז א לשון פון מתנת חנם, און א לשון פון "תחנה", וואס ס׳איינע פון די צעהן לשונות פון תפילה?
אבער דורך די רבי׳נס ווערטער איז זייער גוט פארשטענדליך, ווייל משה רבינו האט אונז די סוד אויסגעלערנט, אז די תפילה דארף צו זיין אויף א וועג פון רחמים "ותחנונים", וואס דאס איז "ואתחנן", אויב וועט השם יתברך געבן איז גוט, און טאמער נישט – נישט.
און אזוי ווי משה רבינו אליין האט געטאן ווען ער האט מתפלל געווען תקט"ו תפילות אריין צו גיין קיין ארץ ישראל, אבער ווען דער אייבישטער האט איהם געזאגט (פסוק כו) רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה; האט ער זיך מער נישט ג׳עקשנ׳ט, און האט מבטל געווען אינגאנצן זיין רצון פאר רצון השם יתברך לגמרי, וואס דאס

breslevcity.co.il

איז די ענין פון תפילה במתנת חנם, אז א מענטש פארלאזט זיך נישט אויף זיינע גוטע מעשים אדער אויפן גוטע תפלה זיינע וואס האט מתפלל געווען בכוונת הלב, וואס דאס איז דער אויבנדערמאנטע פגם פון 'עיון התפילה', נאר ער גיבט זיך אינגאנצן איבער צום אייבישטער, און ער בעט ווי א עני בפתח, וואס פאדערט מתנת חנם. אויב וועט השם יתברך געבן איז גוט, און טאמער נישט – נישט. וואס דאס איז די ריכטיגע שלימות פון תפילה. דערפאר האט משה רבינו גענוצטדווקא די לשון "ואתחנן", אונז אויס צו לערנען דרך התפילה, אז זי דארף צו זיין מיט א וועג פון רחמים ותחנונים דייקא, דעמאלט פועל'ט מען זיכער מיט'ן דאווענען גרויסע זאכן, ווייל ער איז זוכה דורך די דאווענען זיינע נכלל צו ווערן אונעם רצון העליון וואס דאס איז די גרעסטע שלימות.

דורך דעם קען מען פארשטיין וואס מיין טאטע הגה"צ זי"ע (עי' ספה"ק "מנחת זאב" ריש פרשת ואתחנן) האט געטייטש די מדרש, ואתחנן אל ה', אל תקרי "אל" ה', אלא "על" ה', וצריך ביאור.

און אבי מורי זי"ע האט מסביר געווען, דורך דעם וואס ווערט געברענגט אין על פי מדרש (עי' פרשת דרכים דרוש ח') אז אויב וואלט משה רבינו אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, וואלט נישט חרוב געווארן בית המקדש, און כלל ישראל וואלט'ן נישט אוועקגעשיקט געווארן אין גלות. דערפאר איז די גאנצע תפלה פון משה רבינו געווען – אריין צו גיין אין ארץ ישראל וועגן די שכינה'ס וועגן אז

breslevcity.co.il

כלל ישראל זאלן נישט גיין אין גלות. ווייל די שכינה רוהט מיט כלל ישראל אין גלות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים צא) עמו אנכי בצרה, און שטייט (ישעיה ס"ג) בכל צרתם לו צר. און משה רבינו האט גארנישט אינזינען געהאט ווען ער האט געדאווונט וועגן זיין אייגענע טובה, אזוי ווי חז"ל זאגן (סוטה י"ד.) וכי לאכול מפריה היה צריך וכו', נאר משה רבינו האט אינזינען געהאט אין דעם אריין גיין קיין ארץ ישראל וועגן די שכינה און גלות פון כלל ישראל, כנ"ל.

און דאס איז דעם פשט ואתחנן אל ה' – אל תקרי "אל" [צו] אלא "על" [אויף], ווייל אלע זיינע תחנונים זענען טאקע געווען אויפ'ן אייבישטער'ס וועגן, און אויף זיין הייליגע שכינה – זאלן אין גלות נישט גיין.

און לויט'ן רבינ'ס הייליגע דיבורים איז אלעס זייער גוט פארשטענדליך, ווייל די תפילה פון צדיקים איז נאר צו נכלל ווערן אין רצון העליון, צוליב די שכינה'ס טובה, און גארנישט וועגן זייערע אייגענע טובה. און אויף אזא אופן איז א ודאי נישט דא וואס זיך צו עקשנ'ען אין די תפילה, נאר מ'גיט זיך איגנאנצן איבער צום הייליגער באשעפער זאל אלעס זיין אזוי ווי זיין ווילן.

און דער אייבישטער זאל אונז מזכה זיין, תמיד עוסק צו זיין אין תפילה ובתחנונים, און מיר זאלן זוכה זיין זיך אינגאנצן איבער געבן צום הייליגער באשעפער, ביז מ'וועט זוכה זיין נכלל ווערן אין איהם, מעתה ועד עולם, אמן ואמן.

breslevcity.co.il